בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל
וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת ויצא

# די מענטשן ארום דיר זענען ספעציעל פאר דיר

### פרנס השבוע

לע"נ
ר' פנחס בן ר' יעקב ע"ה
ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי ע"ה

לרפואת שלימה
יהודא בן רחל בתושח"י

לע"נ
מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
347.451.0332
אימעילט: Director@torasavigdor.org

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*
**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת ויצא

שנה ד׳

# די מענטשן ארום דיר זענען ספעציעל פאר דיר

תוכן:

חלק א. רשעים קעגן צדיקים - חלק ב. יעקב און די זינדיגע - חלק ג. די זינדיגע וועלט

## חלק א. רשעים קעגן צדיקים

### צוויי זייטן

מיר וועלן יעצט אריינקוקן אין א פסוק אין קהלת וואס איז זייער וויכטיג פאר אלע פון אונז. עס איז אין זיבעטן פרק, דער פערצנטער פסוק: **גַּם אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים** - דער באשעפער האט געמאכט איין זאך פארקערט ווי די אנדערע זאך.

אלזא, אין פשוט׳ן זין זאגט אונז שלמה המלך אז יעדע זאך אויף די וועלט איז אויסגעפלאנט דורך דעם באשעפער צו קאאפערירן איינס מיט׳ן צווייטן. כאטש וואס אויבן אויף זעט אונז אויס אז די וועלט איז פול מיט זאכן וואס האבן נישט קיין שייכות איינס מיט׳ן אנדערן, אבער ווען מען באטראכט דעם באשעפער׳ס בריאה זעט מען אז אייגנטליך האט אלעס א פלאץ; און ס׳איז **זֶה לְעֻמַּת זֶה**, איין זאך איז געמאכט צו קאאפערירן מיט אן אנדער זאך.

אבער אצינד וועלן מיר זען ווי אזוי די גמרא (חגיגה טו.) ערקלערט דעם פסוק. אונזערע חכמים זאגן אונז אז ס׳איז נישט בלויז אין די פונקציאנירונג פון די פיזישע וועלט ביי וואס דער כלל איז ריכטיג; אפילו אין די גייסטישע פונקציאנירונג פון די וועלט האט דער באשעפער אריינגעשטעלט דעם כלל. און אייןביישפיל וואס זיי ברענגען אויף דעם איז **בָּרָא צַדִּיקִים** - דער באשעפער האט באשאפן צדיקים, **וּלְעֻמַּת זֶה** - און פארקערט פון די ערליכע, **בָּרָא רְשָׁעִים** - האט ער באשאפן זינדיגע לייט. ער האט בכוונה אזוי אויסגעשטעלט דעם סדר העולם אז דער צדיק און רשע שטייען איינס קעגן צווייטן.

### יעדער קען זיין א צדיק

אלזא, איידער מיר פראבירן צו פארשטיין וואס די חז״ל זאגן אונז, איז וויכטיג צו וויסן וואס עס מיינט אז דער באשעפער האט ׳געמאכט׳ זינדיגע מענטשן און ערליכע מענטשן. ווייל מיר ווייסן אז דער באשעפער באשטימט נישט צו מאכן קיינעם גוט אדער שלעכט. דאס איז איינע פון

די יסודות אין די הנהגה פון די וועלט, אז דער מענטש קומט אויף די וועלט מיט א בחירה, א פרייער ווילן.

יעדער מענטש קומט אויף די וועלט מיט א געלעגנהייט צו אויסוועלן, און סיי ווער, א מאן אדער פרוי, קען ווערן סיי וואס ער אדער זי באגערט צו זיין. דער פאקט איז אז אויב זי וועלט אזוי אויס, אפילו א פשוט'ע עקרת הבית קען זי זיך אויסצייכענען און ווערן גרעסער ווי דער גרעסטער צדיק. אודאי, דו קענסט נישט ווערן א מאן אויב דו ביסט אויסגעפאלן צו זיין א פרוי. דו קענסט נישט ווערן קיין ריז אויב דו ביסט אויסגעפאלן צו געבוירן ווערן נידעריג. אבער אין די גרעניצן פון א געוויסן געביט, אין א געוויסן תחום, באקומט יעדער דער פרייער ווילן זיך אויסצוצייכענען. דער באשעפער מאכט קיינעם נישט אויסוועלן איין וועג אדער דעם צווייטן וועג.

און דערפאר, קענען מיר נישט זאגן אז דער מאמר אין חגיגה קומט אונז זאגן אז דער באשעפער האט פאקטיש באשאפן ערליכע מענטשן און באשאפן זינדיגע מענטשן. ער האט באשאפן מענטשן, אבער ערליך און זינדיג; דאס מאכן זיי אליינס.

## דער רשע קעגן דעם צדיק

איז וואס מיינט עס דא אז דער באשעפער האט באשאפן די רשעים און די צדיקים? עס מיינט אזוי: דער באשעפער קוקט פאראויס אין די צוקומפט און ער ווייסט וואס עס גייט פאסירן; ער ווייסט ווער עס גייט אויסוועלן ערליכקייט און ווער עס גייט אויסוועלן צו זיין נישט ערליך.

למעשה, דאס קען זיין א צעמישעניש פאר פיל מענטשן. אויב יעדער האט א פרייער ווילן, ווי אזוי קען דער באשעפער וויסן פון פאראויס וואס זיי גייען זיין? און דער ענטפער איז, דער באשעפער האט, כביכול, זיינע וועגן צו וויסן זאכן. **כִּי גָבְהוּ שָׁמַיִם מֵאָרֶץ כֵּן גָּבְהוּ דְרָכַי מִדַּרְכֵיכֶם וּמַחְשְׁבֹתַי מִמַּחְשְׁבֹתֵיכֶם** - "דער וועג וואס איך ווייס זאכן," זאגט דער באשעפער, "איז גאר אנדערש פון דער וועג וואס איר ווייסט זאכן" (ישעיהו נה:ט). איז אלזא, ווייסט דער באשעפער. כאטש וואס מענטשן האבן א פרייער ווילן, קען דער באשעפער פאראויס קוקן מיט א בליק אויף די צוקומפט און ער קען זען וואס זיי גייען אויסוועלן. ער מישט זיך נישט אריין אבער ער קוקט פאראויס און ער זעט וואס א מענטש'ס פרייער ווילן גייט אים ברענגען.

איז וואס טוט דער באשעפער? ווען ער זעט אז עס גייט זיין א געוויסער ערליכער מענטש, א מענטש וואס גייט זיך אנשטרענגען צו אויסוועלן דעם ריכטיגן וועג אין לעבן, וויל אים דער באשעפער געבן די געלעגנהייט צו אויפטון אויף די וועלט. קוקט ער אריין אין די צוקומפט און ער טרעפט א מענטש וואס וועלט אויס צו זיין זינדיג, א מענטש מיט געוויסע מעגליכקייטן, און ער זאגט, "איך וועל זיי ביידע לייגן צוזאמען אויף די וועלט; זיי וועלן זיין אינעם זעלבן דור און אינעם זעלבן געגנט. און דער ציל איז צו געבן פאר דעם צדיק די געלעגנהייט צו ווערן געפרואווט דורך דעם רשע."

און דאס איז ווי אזוי אונזערע גרויסע לייט דורכאויס די היסטאריע זענען געווארן גרויס, צוליב דעם **זֶה לְעֻמַּת זֶה**; ס'איז שטענדיג געווען א צווייטער וואס איז געשטאנען פארקערט פון זיי - איינער וואס איז געשטעלט געווארן פארקערט פון זיי - געבנדיג זיי מעגליכקייטן זיך צו דערהייבן איבער די נסיונות.

## ביים טיילן שכר

וואו זעען מיר דאס? אין מסכתא עבודה זרה (ב.), זאגט די גמרא אז ביים סוף פון די טעג, באחרית הימים, וועט דער באשעפער אויסרופן אז די אלע וועמען עס קומט שכר זאלן קומען און אפנעמען זייער שכר. און נאטורליך ווען מען טיילט באלוינונגען, איז יעדער א קליענט דערפאר. וועלן אלע פעלקער קומען; אלע מענטשן פון די וועלט פון אלע תקופות אין די היסטאריע וועלן זיך איינזאמלען און זאגן, "מיר זענען דא. מיר געבן זיך איין."

עס איז דא א גאנצער שמועס וואס די גמרא ברענגט דארט, אהין און צוריק, און ענדליך זאגט זיי דער באשעפער די מעלדונג אז זיי האבן נישט קוואליפיצירט. עס איז דא בלויז איין פאלק וואס וועט ווערן באלוינט, דאס איז די אידישע פאלק.

און די גוים וועלן זאגן, "פארוואס האסטו אויסגעוועלט דאס אידישע פאלק? בלויז דערפאר וואס זיי האבן מקבל געווען די תורה? אבער זיי האבן נישט מקיים געווען דיינע באפעלן? ווער זאגט אז זיי האבן געפאלגט די תורה?"

וועט דער באשעפער זאגן פאר די פעלקער אזוי, "איך וועל ברענגען עדות וואס זאלן עדות זאגן אויף מיין פאלק. **יִתְּנוּ עֵדֵיהֶם וְיִצְדָּקוּ** - לאז זיי ברענגען זייערע עדות כדי צו ווייזן די ערליכקייט פון דאס אידישע פאלק" (ישעיהו מג:ט).

## אברהם אבינו

איז אלזא, דער שופט רופט אריין דעם ערשטן עדות אין געריכט זאל. **יָבֹא נִמְרוֹד וְיָעִיד עַל אַבְרָהָם** - "זאל נמרוד קומען," זאגט דער באשעפער, "און ער זאל עדות זאגן ווער אברהם איז געווען."

איר ווייסט ווער נמרוד איז געווען? ער איז נישט געווען א קליינער גארנישט. אין ספארטס וועט מען נישט שטעלן צום פארמעסט א ברייט ביינערדיגער קעגן אן איינגעדארטער. ברייט ביינערדיגע ווערן פארמאסטן נאר קעגן ברייט ביינערדיגע. און אזא גרויסער מענטש ווי אברהם אבינו האט מען נישט געקענט שטעלן צום פארמעסט קעגן א קליינער רשע ווי דארווין אדער מוכאמעד אדער דער אנדערער, די ממזר. פאר אברהם דארף מען ברענגען איינער וואס איז באמת גרויס.

און ס'איז נישט געווען קיינער גרעסער ווי נמרוד! די תורה גייט ארויס פון וועג צו באשרייבן זיין מאכט, ווי ער איז געווען א גיבור ציד און ווי ער האט אויפגעבויעט גרויסע שטעט. ער האט געבויעט איין שטאט נאך די אנדערע. טייל פון זיינע שטעט זענען געשטאנען כמעט ביז היינט!

אלזא, צו אונז זעט עס אויס ווי אן אומוויכטיגער עפיזאד אין די היסטאריע; עס האט גארנישט צו טון מיט דער תכלית פון די תורה זיך צו באציען צו די גרויסקייט פון א פארצייטישער הערשער וואס איז שוין לאנג פארגעסן געווארן און האט נישט קיין פארבינדונג מיט'ן ציל פון די תורה היסטאריע. עס זעט אויס ווי איבעריגע רייד צו רעדן פון די גרויסקייט פון נמרוד.

אבער אצינד פארשטייען מיר אז עס איז נישט פערצופאל געשען אז אין דור פון נמרוד איז פונקט אויך אברהם געווען דארט און אברהם האט אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך צו קעגנשטעלן

קעגן נמרוד׳ס פראפאגאנדע. ניין. **זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים** - וואס עס האט פאסירט איז געווען אז דער באשעפער האט געזען אברהם׳ס גרויסקייט, זיין פאטענציאל, און דערפאר האט ער באשאפן נמרוד.

אלע נמרוד׳ס דערגרייכונגען זענען אים געגעבן געווארן מיט איין ציל! עס איז געווען דער קורא הדורות מראש, דער וואס זעט די דורות פון פאראויס, ער האט געזאגט, ״אט וואקסט אויף א אינגל אין דעם דור, א אינגל מיט געוואלדיגע כוחות און איך גיי אים געבן די מעגליכקייט צו ווערן גרויס. איך וועל אים געבן א נמרוד, אן אמת׳ער טיראן, א ריכטיגער ארגאניזירער, א ריזיגער חכם, איינער פון די גרעסטע מענטשן פון אמאל, און ער וועט האבן די געלעגנהייט זיך צו פארמעסטן מיט אזא רשע.

און אברהם האט עס באוויזן און דאס האט אים געמאכט פאר וואס ער איז געווען. אברהם איז אנגעקומען אינדערמיט פון דער שטורעם פון עבודה זרה און ער האט געקענטביישטיין די מאכט פון נמרוד. און אצינד פארשטייען מיר פארוואס נמרוד איז געשטעלט געווארן אין די טעג פון אברהם אבינו - דאס איז געווען כדי אברהם זאל קונה זיין גרויסקייט דורך שטיין קעגן אים, אזוי אז טראץ נמרוד, זאל אברהם האבן די מעגליכקייט צו אויסשטייגן און געווינען דעם פארמעסט.

איז אצינד זאגט דער באשעפער, ״זאל נמרוד קומען און עדות זאגן אז אברהם האט נישט געדינט צו די עבודה זרה. אז ער האט זיך ארויסגעשטעלט און איז בייגעשטאנען דעם נסיון.״ דאס מיינט, זאל דער מענטש וואס האט געמאכט אברהם אבינו גרויס, זאל ער קומען און עדות זאגן אויף אברהם׳ס גרויסקייט.

## יוסף הצדיק

ס׳איז דא נאך א באוואוסטע עדות וואס וועט געברענגט ווערן ביים סוף פון די טעג; אשת פוטפר, די ווייב פון יוסף׳ס האר. זי וועט יעצט גערופן ווערן פונעם מיסט קאסטן וואו זי איז געווען דורכאויס אלע יארן. מען וועט איר ארויסשלעפן פונעם מיסט קאסטן און איר פרעגן, ״וואס האסטו צו זאגן אויף יוסף?״ **וְתָעִיד בְּיוֹסֵף שֶׁלֹּא נֶחְשַׁד עַל הָעֲבֵרָה** - און זי וועט עדות זאגן אז מ׳זאל נישט חושד זיין יוסף מיט א מאראלישע עבירה. זי איז די וואס קען עדות זאגן. זי איז די בעסטע עדות ווייל זי האט יעדן טאג געשטעלט יוסף צו א נסיון.

עס איז געווען כְּדַבְּרָהּ אֶל יוֹסֵף יוֹם יוֹם - זי האט גערעדט צו יוסף טאג נאך טאג (בראשית לט:י). מיר ווייסן נישט וואס זי האט געזאגט אבער מיר קענען זיכער זיין אז עס איז געווען א שווערער נסיון פאר יוסף. ער איז נאך געווען א בחור און עס איז נישט געווען בלויז איין טאג. **בְּגָדִים שֶׁלָּבְשָׁה לוֹ עַרְבִית לֹא לָבְשָׁה לוֹ שַׁחֲרִית** - זי האט זיך געטוישט אירע קליידונג יעדן טאג (יומא לה:). ס׳איז געווען א שרעקליכער נסיון! און דאס איז ווי אזוי יוסף איז געווארן אזוי גרויס. יוסף הצדיק איז געווארן יוסף הצדיק צוליב די זינדיגע פרוי.

און אצינד ווייסן מיר פארוואס עס האט אזוי פאסירט. ווייל פוטיפר וואלט געקענט האבן אן אנדערע ווייב וואס האט נישט געהאט קיין אינטערעס אין אנדערע מענער אויסער איר מאן. אדער וואלט ער געקענט האבן א פרוי וואס איז קיינמאל נישט אינדערהיים. זי איז פארנומען ערגעץ מיט די געזעלשאפט, פלאנירט טיי פארטיס צו שאפן געלט פאר ארעמע מצרי׳שע יתומים. אדער

איינע וואס האט ליב צו גיין איינקויפן און זיך אומקוקן אין די געשעפטן. זי איז קיינמאל נישט אינדערהיים.

אבער עס 'האט אזוי פאסירט' אז עס איז געווען א פרוי וואס איז נישט ארומגעלאפן אינדרויסן. זי איז אלעמאל געווען אינדערהיים, די פרוי, און אצינד ווייסן מיר פארוואס עס איז געווען אזוי. זי איז געשטעלט געווארן דארט מיט איין ציל - כדי צו מאכן יוסף אויסשטייגן דאס וואס ער איז געווארן. איר ווייסט, אויב יוסף הצדיק וואלט נישט בייגעשטאנען דעם נסיון, דאן וואלט נישט געווען קיין שום געשיכטע ארום יוסף. עס וואלט געווען געענדיגט און די תורה וואלט זיך נישט אפגעגעבן דערמיט צו דערציילן די גאנצע מעשה ווי ער איז פארקויפט געווארן דורך זיינע ברידער. עס וואלט פארשוויגן געווארן. עס איז נישטא פון וואס צו רעדן און אונזערע אור-עלטערן וואלטן נישט געגאנגען קיין מצרים. עס וואלט נישט געווען קיין יציאת מצרים. ווער ווייסט וואס וואלט פאסירט מיט דאס אידישע פאלק?

## אנדערע צדיקים

למעשה, אויב כאפט איר א בליק אין די גמרא דארט (עבודה זרה שם.) וועט איר זען נאך ביישפילן פון אזעלכע וואס וועלן געצווונגען ווערן צו עדות זאגן אין דעם גרויסן טאג. נבוכדנצר וועט קומען און רעדן פון ווי אזוי חנניה, מישאל און עזריה זענען בייגעשטאנען קעגן אים און זיך נישט געבוקט צו זיין עבודה זרה אפילו ווען ער האט זיי געווארנט מיט'ן טויט. דריוש וועט קומען און עדות זאגן אויף דניאל'ס גרויסקייט, ווי אזוי ער האט ווייטער געדאווענט דריי מאל א טאג קעגן איבער ירושלים אפילו ווען עס איז געווען פארבאטן. ער האט זיך ווייטער געפירט אין קעניג'ס פאלאץ פונקט ווי ער האט זיך געפירט אלס קינד אין ארץ ישראל.

ווי אזוי זענען חנניה, מישאל און עזריה געווארן אזוי גרויס? צוליב נבוכדנצר. ווי אזוי איז דניאל געווארן אזוי גרויס? ווייל עס איז געווען א קעניג דריוש. און פארוואס איז געווען א נבוכדנצר און דריוש? **זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים**. ווייל ווען דער באשעפער האט געזען אז עס וועט זיין א צדיק אין דעם דור, דערפאר האט ער אויך אריינגעשטעלט א רשע אין דעם דור. און באחרית הימים וועט ווערן קלאר פאר אלעמען אז עס איז דורך דעם אייביגן כלל פון **בָּרָא צַדִּיקִים וּלְעֻמַּת זֶה בָּרָא רְשָׁעִים** ווי אזוי מענטשן שטייגן אויס צו גרויסקייט.

# חלק ב. יעקב און די זינדיגע

## אויסערגעוועונליכע התמדה

אלזא, איינע פון די עדות'ן וואס וועלן קומען עדות זאגן באחרית הימים וועט זיין א פערזאן פון די וואכעדיגע סדרה. דאס איז אונזער אלטער פריינד לבן. **יָבוֹא לָבָן** - "זאל קומען לבן," זאגט דער באשעפער, **וְיָעִיד עַל יַעֲקֹב** - "און ער זאל עדות זאגן אויף די גרויסקייט פון יעקב." דאס מיינט אז לבן איז דער וואס איז געשטעלט געווארן לעמת יעקב - ס'איז געווען דורך לבן וואס יעקב איז אויסגעשטיגן אזוי גרויס.

למעשה, מיר וואלטן געטראכט פונקט פארקערט. אויב וואלט מען אונז געפרעגט, וואלטן מיר

געזאגט אז יעקב האט קונה געווען זיין גרויסקייט ווייל ער איז געווען א ישב אהלים; ער איז געווען דער גליקליכער צו זיצן אין די געצעלטן פון גרויסע לייט. ער איז געזעסן אין געצעלט פון זיינע גרויסע עלטערן, יצחק און רבקה. און דערצו, איז ער פערצן יאר געזעסן אין די געצעלטן פון שם ועבר. און דורכאויס יענע יארן איז צו זיין התמדה נישט געהאט קיין פארגלייך.

**וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא**; די ערשטע מאל אין פערצן יאר וואס ער האט זיך אראפגעלייגט שלאפן נאך וואס ער האט פארלאזט די ישיבה (ויצא כח:יא, רש"י). אין ישיבה איז ער נאר געשלאפן אויף זיינע הענט ביים טיש, ער האט זיך נישט אראפגעלייגט אין א בעט - ער האט מורא געהאט אז ער וועט שלאפן צופיל.

אלזא, צו לערנען מיט אזא התמדה דורכאויס פערצן יאר איז היבש א דערגרייכונג. אויב סיי ווער פון אונז וואלט פארבליבן פערצן יאר אין מירער ישיבה, וואלטן מיר עפעס אויסגעוואקסן; פערצן יאר אינעם אלטן מיר אין אייראפע, וואלט ער געווארן א גרעסערער עפעס. אבער צו אויסהערן די שיעורים פון עבר פאר פערצן יאר?! אויב עבר וואלט געקומען אהער היינט נאכט און מיר וואלטן געהערט איין שיעור פון אים וואלטן מיר אהיימגעגאנגען מיט עפעס געוואלדיג; מיר וואלטן געווען אינגאנצן אנדערע מענטשן!

## דער מקור צו גרויסקייט

איז אלזא, וואו איז יעקב געווארן גרויס? וואו איז ער געווארן יעקב אבינו? ס'איז נישטא קיין ספק אין אונזערע קעפ. ס'איז געווען אין די געצעלטן וואו ער האט געוואוינט! וואס האט פאסירט נאכדעם? נאך אלעם, איז עס געווען בארג אראפ פון דארט. ער איז אנגעקומען אין הויז פון לבן. דאס איז געווען שוין איינמאל עפעס א הויז; לבן איז געווען געמיין ווי מ'קען נאר זיין און ער איז געווען אזוי קרום ווי מ'קען נאר זיין. צו אונז וואלט עס געווען ווי א באזוך אין גיהנום, מיר וואלטן עס נישט געקענט אויסהאלטן מער ווי א וואך. אבער יעקב האט דאס אויסגעהאלטן פאר צוואנציג יאר. און אזוי, אין אזא הויז, וואס זעט אויס צו אונז אז ס'איז נישטא צופיל מעגליכקייטן פאר רוחניות'דיגע דערגרייכונגען.

אבער באחרית הימים וועלן מיר אויסגעפינען פונקט דאס פארקערטע. ווען דער באשעפער וועט זוכן ווער עס זאל עדות זאגן אויף יעקב'ס גרויסקייט וועט עס זיין לבן וואס וועט גערופן ווערן. נישט יצחק און רבקה. נישט שם ועבר. זיכער האבן זיי גוטע זאכן צו זאגן, זייער גוטע זאכן. יעקב איז געווארן אנגעגרייט אין זייערע געצעלטן. ווען נישט די דאזיגע יארן, ווען נישט די דאזיגע לערערס, וואלט יעקב נישט מצליח געווען מיט לבן. אבער ס'איז געווען אין הויז פון לבן, דארט איז וואו ער האט קונה געווען זיין גרויסקייט. אין יענע אומפאסיגסטע פלאץ, די מערסטע אומפאסיגע פלאץ צו דערגרייכן סיי וואס אין רוחניות, דארט איז וואו יעקב איז געווארן גרויס.

## ערגרייכט א פארמעגן

ווי גרויס? לאמיר הערן א באריכט פון די פארשריט וואס ער האט געמאכט אין הויז פון לבן. הערט צו וואס יעקב האט געזאגט ביים סוף פון זיין אויפהאלטונג אין דאס הויז: **עִם לָבָן גַּרְתִּי... וַיְהִי לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר צֹאן וְעֶבֶד וְשִׁפְחָה** - "איך האב געוואוינט מיט לבן און איך האב דארט קונה

געוועזן אקסן און אייזלען, שאף און קנעכט און דינסטן" (בראשית לב:ה-ו). איר געדענקט, אין אונזער סדרה איז יעקב געקומען צו לבן אן גארנישט. און יעצט איז ער אוועקגעגאנגען פון לבן מיט א ריזיגע פארמעגן; שאף, רינדער און קנעכט!

למעשה, צו ארויסנעמען אייגנטום פון הויז פון לבן איז געוועזן א ספעציעל גרויסע דערגרייכונג ווייל לבן איז נישט געוועזן דער סארט מענטש וואס זאל לאזן איינעם עררייכן סיי וואספארא אייגנטום. לבן האט געזוכט וואס מער אייגנטום פאר זיך. לבן האט ליב געהאט איין זאך; אויסער זיך אליין האט ער ליב געהאט נאך איין זאך: געלט!

איר געדענקט ווען לבן האט געזען די צירונג וואס אליעזר האט געגעבן פאר רבקה? עס שטייט (בראשית כד:ל) **כִּרְאֹת אֶת הַנֶּזֶם וְאֶת הַצְּמִדִים**, ווען ער האט געזען די רינגלעך און האנט-בענדער, האט לבן געזאגט, "קום, דו געבענטשטער פון באשעפער." זעען מיר אויף וואס לבן האט געבענטשט. לבן האט געלעבט פאר ביזנעס. איז אלזא, פאר יעקב אוועקצוגיין פון אים מיט אזויפיל פארמעגן, מיט שאף, רינדער און קנעכט, איז דאס געוועזן א גרויסע דערגרייכונג.

## עררייכט א גלענצנדע צוקומפט

אבער דער מדרש זאגט אונז אז עס זענען דא באהאלטענע באדייטן אין אט די דערגרייכונגען. יעקב האט קונה געווען מער ווי אייגנטום אין הויז פון לבן. ער האט באקומען אויך אנדערע זאכן, וויכטיגערע זאכן. איז לאמיר נאכאמאל אריינקוקן אין פסוק און זען ווי אזוי די חז"ל ערקלערן עס.

**וַיְהִי לִי שׁוֹר** - זאגן אונז די חז"ל, **זֶה יוֹסֵף** - דארט האב איך באקומען יוסף. יוסף ווערט אנגערופן שור אין תנ"ך: **בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ**, און דער פסוק איז עס דא מרמז. עס מיינט נישט בלויז אז איך האב פארדינט א אינגל מיט'ן נאמען יוסף. יוסף האט געמיינט גרויסקייט. צו האבן א זון יוסף, צו האבן נאך שבטים, מנשה און אפרים, דאס איז געוועזן א דערגרייכונג. דאס האט נאר געקענט פאסירן נאך וואס יעקב איז אנגעקומען צו א געוויסער שטאפל פון גרויסקייט, אז ער איז ווערד געווען צו האבן אזא זון. און וואו האט ער דאס עררייכט? ער האט דאס עררייכט אין הויז פון לבן. יוסף האט באדייט א גאנצער צוזאמשטעל פון געוואלדיגע מעלות און יעקב האט דאס קונה געווען אין הויז פון לבן.

וַחֲמוֹר - און אן אייזל, אויף וואס טוט דאס אנדייטן? זאגן אונז חז"ל, משיח, וואס גייט קומען **עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר** - ווי אן ארעמאן וואס רייט אויף אן אייזל. דער משיח וואס וועט איין טאג ארויסקומען פון הויז פון דוד, דאס איז שוין עררייכט געווארן אין הויז פון לבן. יהודה איז געבוירן געווארן צו יעקב אין לבן'ס הויז, און דאס איז געוועזן די קערנדל פון וואס משיח וועט ארויסקומען.

## די קערנדל פון כלל ישראל

**וְצֹאן** - איך האב קונה געווען שאף. וואס זענען געוועזן די שאף וואס יעקב האט קונה געווען? **וְצֹאן אֵלּוּ יִשְׂרָאֵל**. דאס אידישע פאלק ווערט אנגערופן די שאף פון באשעפער, צאן קדשים; מיר ווערן פארגליכן צו כשר'ע סטאדעס פון שאף. דאס מיינט אז די גאנצע צוקומפט פון כלל ישראל דורכאויס אלע דורות, די אומצאליגע כשר'ע מענער און פרויען, די ערליכע און גוטהארציגע מענטשן וואס זענען איידל ווי שאף, זענען ארויסגעוואקסן פון די גרויסקייט וואס יעקב האט

קונה געווען אין הויז פון לבן.

דער פסוק גייט ווייטער **וְעֶבֶד**, דאס איז משה עבד ה', דער וויכטיגסטער פערזענליכקייט וואס איז אמאל געווען אויף די וועלט. משה איז שוין ערררייכט געווארן אין הויז פון לבן. די יונגע פאמיליע איז געווען אזוי געהויבן אז זיי זענען ווערד געווען צו משה, דער גרעסטער מענטש וואס האט אמאל געלעבט. אין הויז פון לבן, האט יעקב קונה געווען משה רבינו; ער האט קונה געווען א פאלק וואס איז ווערד צו דער העכסטער און ערפאלגרייכסטער פון אלע מענטשן.

**וְשִׁפְחָה**, איינע פון די גרעסטע פרויען וואס איז אמאל געווען אויף די וועלט, דאס איז רות, וואס האט זיך גערופן שפחתה, א דינסט (רות ב:יג). זי האט זיך דערקלערט אז זי איז א דינסט, זי איז גרייט צו דינען, און פון איר וועט ארויסקומען דאס הויז פון דוד.

די גאנצע שלימות וואס יעקב האט קונה געווען איז שוין געווען איינגעוויקלט אין די קערנדל וואס איז איינגעפלאנצט געווארן אין די הויז; נישט אין הויז פון יצחק און רבקה וואו יעקב אבינו איז געווען צוערשט, אויך נישט אין הויז פון שם ועבר. ניין. ער האט קונה געווען זיין ריכטיגע שלימות אין דאס מערסטע אומערווארטעטע ארט, אין הויז פון לבן.

## א מייסטער אין גוטע מידות

אלזא, לבן איז געווען זייער א שווערער סארט שווער צו וואוינען מיט. א שווער ווי לבן קען שאפן א גרויסער ווייטאג אפילו ווען ער וואוינט אין אסטראליע און דו וואוינסט אין ברוקלין. אבער צו וואוינען אין זיין הויז? דאס איז נישט לייכט. יעקב האט געליטן פון זיין שווער; די שלעכטע מידות פון לבן און די ליגנטס און פאפעריי פון לבן, און יעקב האט עס אויסגעהאלטן, נישט פאר איין וואך, פאר וואכן און חדשים און יארן.

אויב האסטו אן ארבעטסגעבער און דער ארבעטסגעבער נארט דיר אויס מיט דיין געהאלט וואך נאך וואך און ער טוט עס מיט יעדע סארט געמיינע פאפעריי, איז עס א מייסטערווערק פון גוטע אויפפירונג אויב דו קענסט אנהאלטן זיך צו פירן מענטשליך צו אים פאר א חודש, זעקס חדשים, א יאר. יעקב האט עס אויסגעהאלטן אינעם בעסטן מעגליכן אופן פאר אזויפיל יארן.

סיי וויפיל לבן האט אויסגענארט יעקב און אים בא'עוולה'ט אויף יעדן מעגליכן וועג, האט ער זיך אויפגעפירט צו לבן מיט די גרעסטע מאס געטריישאפט. **הָיִיתִי בַיּוֹם אֲכָלַנִי חֹרֶב** - בייטאג האט מיר די היץ אויפגעגעסן, **וְקֶרַח בַּלָּיְלָה** - און די פראסט ביינאכט (ויצא לא:מ). יעקב איז אפגעברענט געווארן פון די היץ, אבער ער וועט נישט פארלאזן די שאף כדי צו זוכן פאר זיך א שאטן זיך צו באשיצן. אין די קאלטע פראסטיגע נעכט וואלט ער זיך געקענט ארײנשלייכן אין זיין געצעלט זיך צו ראטעווען פון ווערן פארפרוירן. עס מאכט זיך אמאל קאלטע נעכט אין פדן ארם, זייער קאלטע נעכט, און יעקב האט נישט געהאט קיין אויוון אים צו דערווארעמען. ער וואלט זיך געקענט ארײנשלייכן אין זיין געצעלט און זיך איבערדעקן מיט צען דעקעס און פארגעסן פון די דרויסנדיגע וועלט. אבער ער האט נישט; ער האט נישט געקענט ווייל ער האט געארבעט פאר א צווייטן; ער האט געהאט א באלעבאס. דאס איז געווען אן אויסערגעווענליכע פרוואוונג אויף יעקב'ס כאראקטער און ער איז עס בייגעשטאנען אויפ'ן בעסטן אופן.

און אזוי איז ער געווארן גרויס. ס'איז אזוי ווי זאמד פאפיר אויף האלץ. איך שטעל זיך פאר אז

ס'איז נישט געשמאק פאר די מעבל צו ווערן אפגעריבן מיט זאמד; מ'דארף דריקן און רייבן אהין און צוריק, אהין און צוריק. אבער אזוי ווערט עס אויסגעגראדט, עס ווערט אויסגעגלעט דורך דעם דרוק. כאראקטער איז די זעלבע ווי האלץ. שלימות אין מח, שלימות אין כאראקטער, איז מען נישט קונה לייכט. מיר דארפן האבן אזויפיל זאכן אונז צו מאכן פאר ערפאלגרייכע מענטשן; מענטשן מיט גוטע נאטורן, רואיג און סאליד און וותרנות'דיג, מיר דארפן די רייבונגען אונז אויסצוגלעטן. שיקט אונז דער באשעפער זאכן. ער שיקט אונז מענטשן וואס זאלן אונז אויסגלעטן.

און יעצט ווייסט איר פארוואס עס איז געווען א לבן! ס'איז נישט געווען קיין צופאל. איר ווייסט, לבן וואלט געקענט זיין א מענטש ווי יתרו וואס איז געווען גאסטפריינטליך און אנגענעם; א פילאזאף, א מענטש וואס האט פראקטיצירט אלע מצוות שכליות, פון חובת הלבבות. פארוואס נישט?

ניין! דער באשעפער האט דארט אריינגעלייגט לבן בכוונה, אזוי אז ווען יעקב וועט קומען צו פדן ארם, וועט ער טרעפן לבן וואס וועט אים אויסנארן ביי יעדן ריה. ס'איז נישט ריכטיג צו טראכטן אז לבן איז פונקט דארט געווען, און טראץ אזא שטערונג האט יעקב זיך דאך דערהויבן צו ביישטיין דעם נסיון, ער האט זיך דערהויבן און אויסגעשטיגן אזוי גרויס. ניין! לבן איז דארט געשטעלט געווארן לכתחילה צו מאכן יעקב גרויס.

## קונה זיין תרי"ג מצוות

יעקב האט פארשטאנען! ער האט פארשטאנען אז דער באשעפער לייגט די געלעגנהייטן פאר אים און ווייל ער האט דאס פארשטאנען, דערפאר איז ער אויסגעוואקסן אזוי גרויס און ער האט קונה געווען די גאנצע שלימות וואס האט זיך צוזאמגענומען אין אים און וואס וועט צוניץ קומען פאר זיינע דורות אויף אייביג.

דאס איז דער ריכטיגער פשט פון די חז"ל וואס רש"י ברענגט: **עִם לָבָן גַּרְתִּי; וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת שָׁמַרְתִּי** - "מיט לבן האב איך געוואוינט און די תורה האב איך געהיטן." מענטשן זאגן א פשט, "איך האב געוואוינט מיט א רשע און טראץ דעם האב איך געהיטן די תרי"ג מצוות." אבער אצינד קענט איר אפלערנען דעם ריכטיגן פשט: "איך האב געוואוינט מיט א רשע און דערפאר, צוליב דעם וועג ווי אזוי איך האב געלעבט מיט אים, אזוי בין איך געווארן וואס איך בין געווארן." אזוי זענען מיר געווארן דאס פאלק פון באשעפער וואס היט נאך היינט די תרי"ג מצוות.

# חלק ג. די זינדיגע וועלט

## מעשה אבות סימן לבנים

אלזא, עס איז דא ארומגערעדט געווארן באריכות מער ווי איין מאל דער באוואוסטער מאמר, **מעשה אבות סימן לבנים** - דאס מיינט, אז די לעבנס פון אונזערע אור-עלטערן; אברהם, יצחק און יעקב, זענען געווען נביאות אויף די צוקומפט. און דערפאר לערנען מיר די פאסירונגען פון זייערע לעבנס וואס ווערן דערציילט אין די תורה און ווי אזוי זיי האבן רעאגירט דערצו, וויסנדיג אז זיי

זענען די פארבילד אויף וואס עס וועט פאסירן מיט זייערע דורות.

איז אלזא פארשטייען מיר אז דער סדר פון **גַּם אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים** - וואס דער באשעפער האט געמאכט איין זאך קעגן צווייטן, איז א מהלך וואס דער באשעפער האט איינגעשטעלט פאר דאס אידישע פאלק. אברהם און נמרוד, יעקב און לבן, יוסף און אשת פוטיפר, די אלע זענען בלויז ביישפילן. אייגנטליך איז עס אונז. דאס איז וואס מיר לערנען אצינד, אז דער באשעפער פלאנירט אויס אונזער שטאנד אין דעם זעלבן וועג.

דאס מיינט, אז פונקט ווי אונזערע אור-עלטערן, ווערן מיר נאכאנאנד געגעבן געלעגנהייטן צו קונה זיין גרויסקייט פון מצבים אין וואס דער באשעפער שטעלט אונז אריין מיט א ציל.

## די פארלוירענע יוסף'ס

נאר וואס פאסירט? מיר זענען אינגאנצן נישט אנגעגרייט דערצו ווייל מיר פארשטייען נישט די וועגן פון באשעפער אויף די וועלט! דערפאר זענען דא אזויפיל מענטשן וואס לאזן זיך ווערן איבערגעוועלטיגט דורך די קעגנזייט און זיי ווערן פארלוירן. אזויפיל אברהם'ס ווערן נאכאנאנד פארלוירן. וויפיל יוסף'ס האבן זיך צום סוף יא אונטערגעגעבן? מיר ווייסן נאר פון די הצלחות. די דורכפעלער זענען נישט באוואוסט צו אונז.

אזויפיל יעקב'ס זענען דורכגעפאלן מיט זייער שווער. זיי האבן געקענט אויסוועלן גרויסקייט; דער באשעפער האט אראפגעשטעלט דעם באלעמער פאר זיי דורך צושטעלן שווערע מענטשן, שווערע מצבים, אלס געלעגנהייטן צו ווערן גרויס.

## זיך דערהייבן פון נסיונות

אלזא, דאס דארף ערקלערט ווערן און דערפאר וועלן מיר נאכזאגן פון דעם ספר מסילת ישרים. אין אנהייב פון ערשטן פרק פון דעם געוואלדיגן ווערק זאגט דער מסילת ישרים א וויכטיגע נקודה און מיר דארפן מאכן אונזערע אויערן כאפרכס, ווי טראכטערס וואס פירן אריבער פליסיגקייטן, צו אויפכאפן די פאלגנדע אינפארמאציע: **כָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם נִסְיוֹנוֹת הֵם לְאָדָם** - אלע ענינים פון די וועלט זענען נסיונות פאר'ן מענטשן, אלעס איז א פארהער.

דאס איז זייער א וויכטיגער דערהער, אבער צוערשט דארפן מיר פארשטיין די ווארט 'נסיונות'. **וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם** (בראשית כב:א) - דאס מיינט, דער באשעפער האט אויפגעהויבן אברהם. '**נִסָּה**' איז ענליך צום לשון '**נִשָּׂא**' וואס מיינט אויפהייבן. דאס מיינט, אז ווען דער באשעפער שיקט א נסיון, איז עס געצילט אלס א געלעגנהייט זיך צו דערהייבן און צוקומען צו מער שלימות; צו קונה זיין דאס צוליב וואס מיר זענען באשאפן געווארן. דאס איז פארוואס מיר געפינען זיך אויף די וועלט. מיר זענען נישט דא צו פארבלייבן אויף איין ארט, מיר זענען דא צו מאכן פארשריט, צו ווערן בעסער. און אלע זאכן וואס קומען אונז אונטער דורכאויס אונזער לעבן זענען מיט דעם ציל.

נישט קיין חילוק וואס עס געשעט, נישט קיין חילוק וואספארא פאסירונג עס מאכט זיך, נישט קיין חילוק וועמען'ס וועג דו טוסט פארביי גיין, איז עס מיט איין ציל; דיר צו פרואוון. דאס ווערט אריינגערעכנט אין השגחה פרטית. דער באשעפער קאנצענטרירט זיך אויף יעדן איינעם פון דאס אידישע פאלק בייטאג און ביינאכט, שטענדיג - און אלעס וואס דער באשעפער טוט איז

אויספלאנירט פאר דיין שלימות. און דער וועג ווי אזוי דו רעאגירסט צו דעם פארהער, אין דעם איז געוואנדן דיין הצלחה אין לעבן. יעדער מענטש וואס ווערט אונטערגעשיקט צו דיר איז א נסיון. לאמיר זאגן דער מענטש שטערט דיר, ער איז גרויסהאלטעריש, ער איז נודניק, ער איז נישט צו קלוג, און פונדעסטוועגן ניצסטו אויס די געלעגנהייט זיך אומצוגיין מיט אים ריכטיג, דו באהאנדעלסט  אים מענטשליך און צום סוף ווען ער גייט אוועק טראכט ער, 'דאס איז א פיינער מענטש,' ער האט א גוטע מיינונג אויף דיר, האסטו דורכגעמאכט דעם פארהער און ער איז געווען א מתנה. דורך אויסוועלן ריכטיג וועסטו קונה זיין שלימות, אן אויסשלייפונג וואס וועט בלייבן מיט דיר אויף אייביג.

## לעבן אויף א ראטיססעריע בראטער

למעשה זענען דא פיל סארטן פארבעסערונגען, פיל הינזיכטן פון שלימות. מיר דארפן זיך פארבעסערן אין געדולד. יא, מיר דארפן זיך לערנען צו זיין געדולדיג. מיר דארפן זיך פארבעסערן אין ווי אזוי מיר האנדלען מיט אנדערע. מיר דארפן זיך פארבעסערן אין זריזות. מיר דארפן זיך לערנען צו האבן חשק, צו איבערקומען פוילקייט און פארשלאפנקייט. מיר דארפן א פארבעסערונג אין חסד, אין גוטהארציגקייט. מיר דארפן פארבעסערונג זיך צו לערנען ווי אזוי צו האלטן אונזערע מיילער פארמאכט. א מענטש האט אזויפיל פרטים צו זיין כאראקטער און יעדע איינע דארף ווערן אויסגעארבעט און באפעסטיגט. און דאס איז וואס דער באשעפער טוט מיט אונז. ער שיקט אונז אונטער אלע סארטן מענטשן, אלע סארטן מצבים, וואס קענען אונז אויסבעסערן.

מיר קענען עס פארגלייכן צו, לאמיר זאגן, איינער קויפט א קאטשקע און ער וויל עס גוט אפבראטן, הענגט ער עס אויף אויפ'ן שטאנג פון א ראטיססעריע בראטער, וואס דער שטאנג דרייט זיך איבער'ן פייער אזוי אז די קאטשקע ווערט גוט אפגעבראטן אין יעדן ווינקל. דערפאר דרייט זיך עס; עס דרייט זיך נאכאנאנד כדי עס זאל ווערן גוט אפגעבראטן, עס זאלן נישט פארבלייבן קיין רויע ווינקלען.

דער באשעפער פירט אונז דורכ'ן לעבן אויף א ראטיססעריע. ער דרייט אונז אין דעם וועג און אין יענעם וועג, געבנדיג אונז יעדע מעגליכקייט, אלע סארטן 'רשעים' מיט וואס צו האנדלען אז מיר זאלן ווערן גוט אויסגעארבעט. אבער נישט נאר רשעים אזוי ווי לבן. עס מיינט נישט דוקא אז דו האסט צו טון מיט שלעכטע לייט. דערהער עס נישט אומריכטיג. **בָּרָא צַדִּיקִים וּבָרָא רְשָׁעִים** איז בלויז א ביישפיל - דאס איז ווען מ'זעט עס קלארער. אבער 'ער האט באשאפן איינס קעגן צווייטן' מיינט יעדן! מענטשן זענען אנדערש איינער פון צווייטן - צומאל דארף אן ערליכער מענטש אויך האבן צו טון מיט אן אנדערן ערליכן מענטש - און די דאזיגע אנדערשקייטן זענען אלעס אויספלאנירט געווארן.

## דיינע קעגנזייטיגע געשוויסטער

דאס איז פארוואס דו הייבסט אן דיין לעבן אלס א אינגל, אלס א מיידל, ווייל צוערשט ווערסטו אויסגעפרואווט, ווי אזוי פירסטו זיך אויף מיט דיינע ברידער און שוועסטערס? דאס איז א

געלעגנהייט צו אויסגראדן אסאך שטומפיגע עקן וואס דו האסט. דו זאלסט נישט אדורכלאזן דעם נסיון; דו וועסט מער קיינמאל נישט זיין אין איין הויז מיט זיי. ווען דו פארלאזט דיינע עלטערן'ס הויז, פארגייט די געלעגנהייט אויף אייביג.

איז אויב ביסטו נאך יונג, נאכנישט פארהייראט, ביסט נאך אין א הויז פול מיט געשוויסטער, פראביר דיין בעסטע צו מצליח זיין מיט זיי. אויב קענסטו זיך דורכקומען מיט זיי, ביסטו קונה די שלימות צוליב וועלכן די געלעגנהייט איז באשאפן געווארן. דיינע ברידער און שוועסטערס זענען דארט געשטעלט געווארן פונקט אויף דעם. דער באשעפער האט אויסגעוועלט פונקט די ריכטיגע, מיט די אלע אייגנארטיגקייטן און אינטערעסאנטקייטן אין נאטור, דיר צו געבן געלעגנהייטן אן קיין סוף.

און אויך א טאטע און א מאמע. א טאטע און מאמע זענען געוואלדיגע נסיונות. נישט נאר אז דו זאלסט אנגיסן א גלאז וואסער פאר דיין טאטן. אודאי זאלסטו אלעמאל זאגן, "מאמי, איך וויל דיר סערווירן היינט נאכט. דו זיץ ביים טיש און לאז פאר מיר די מצוה." אויך א ישיבה בחור. עס שאדט נישט אויב דער זון טראגט זיך אמאל אן צו וואשן די געשיר. אבער מער ווי כיבוד אב ואם, איז עס ווי אזוי דו האנדלסט מיט דיינע עלטערן יעדן טאג. ס'איז נישט אלעמאל לייכט אבער דער קלוגער זון און די קלוגע טאכטער דערהייבן זיך פון דעם נסיון. און דאס איז פארוואס די דאזיגע עלטערן זענען געגעבן געווארן פאר דיר.

## די פאסיגע ווייב

און איין טאג וועסטו זיין פארהייראט און עס וועט אונטערקומען נאך א געלעגנהייט. א ווייב איז א געלעגנהייט און אויך א מאן. חתונה לעבן איז געגעבן געווארן פאר א מענטש צו קונה זיין שלימות. דאס איז וואס עזר כנגדו מיינט. ער האט די הילף פון איינע וואס איז קעגן אים און זי האט די הילף פון איינער וואס איז קעגן איר. ווייל א ווייב און א מאן זענען צוויי אנדערע סארט מענטשן, צוויי אנדערע סארט נאטורן.

א ווייב איז נישט אלעמאל האניג. צומאל איז אויך דא א שטאך. נאר די תורה ווערט צוגעגליכן צו די שלימות'דיגע ווייב. די תורה איז **טוֹב וְלֹא רָע כֹּל יְמֵי חַיֶּיהָ** (משלי לא:יב); נאר די תורה טוט גוטס און נישט קיין שלעכטס אלע טעג פון איר לעבן. אבער א ווייב פון בלוט און פלייש איז מענטשליך. וועט דער נארישער מאן זאגן, "מיט די ווייב, קען איך עס נישט דורכמאכן. איך קען פשוט נישט מיט איר." אבער דער באשעפער זאגט, " איך ווייס וואס איך טו. איך פיר שוין די וועלט א לאנגע צייט און דו קענסט מיר געטרויען - דאס איז די וואס איז געמאכט געווארן ספעציעל פאר דיר. זי וועט דיר פרוואון, זי וועט דיר דערקוטשען, זי וועט דיר צומאל פארברענען די נאכטמאל, זי וועט אויך פארברענען דיינע געפילן, אבער דאס איז דיין הצלחה אין לעבן. דאס איז די געוואלדיגע געלעגנהייט אין לעבן."

ווען דו ווערסט א שוויגער אדער דו ווערסט א שנור און דו ווערסט געפרואווט; איז וואס וועט די אומדורכגעטראכטע שנור זאגן? "אויב איך וואלט געהאט אן אנדערע שוויגער דאן וואלטן זאכן געווען אנדערש אבער מיט די פרוי קען איך זיך נישט דורכקומען." אה ניין! די פרוי איז די פונקט צוגעפאסטע פאר דיר. דער באשעפער האט איר ספעציעל אויסגעוועלט פאר דיר! וואס

זאגט די שוויגער? ״דאס איז וואס מיין זון האט געדארפט אויסוועלן?! פון אלע פיש אין וואסער איז עס דאס?!״ און דאן פאלןביידע אדורך דעם נסיון. ס׳איז א נסיון!

א שנור, זי קען האבן א שווערע שוויגער און זי טראגט עס אדורך, זי טאלערירט דעם יאך און שמייכלט שטענדיג, זי רעדט אלעמאל דיפלאמאטיש, מיט גוטהארציגקייט, דאן וועט זי קונה זיין די פולע מאס פון שלימות, די דאזיגע שלימות צוליב וועלכן דער מצב איז באשאפן געווארן.

## לענדלארדס און שכנים

אצינד לאמיר זאגן, דו האסט א לענדלארד, א דירה באלעבאס, און ס׳זעט דיר אויס אז ער איז דער געמיינסטער מענטש אין די וועלט. ער וויל העכערן די דירה געלט. אלזא, אויב וואלטסטו געווען דער לענדלארד, וואס דו וואלטסט געטון איז א צווייטע מעשה, אבער דו טראכסט אז ער פירט זיך נישט גערעכט מיט דיר. און דערפאר איז די שאלה וואס דו טוסט דערוועגן. איז די ערשטע זאך און די וויכטיגסטע זאך צו וויסן, אז ער איז דארט געשטעלט געווארן פאר דיר.

אין געוויסע פעלער האט א מענטש א שכן אדער שכנים וואס זענען דארט מיט׳ן ציל אים צו צושטעלן געלעגנהייטן; אלע סארטן געלעגנהייטן. געלעגנהייטן אוועקצושטיין פון השפעה. געלעגנהייטן צו זיין גוטהארציג. געלעגנהייטן צו זיין א מוותר, צו פארקוקן זאכן. זאגסטו, ״ אויב וואלט איך געהאט אנדערע שכנים. אויב איך וואלט זיך געקענט אוועקציען ערגעץ אנדערש.״ ניין, ניין, דאס מיינט זיך ארויסדרייען פון דיינע פליכטן ווייל די דאזיגע מענטשן וואס שאפן דיר שוועריקייטן זענען דארט געשטעלט געווארן פאר דיין טובה. דער באשעפער האט פאראויס געזען וואס וועט פאסירן אין דיין לעבן און ער מאכט נוצן פון זיין געוואלדיגער מהלך פון זה לעמת זה.

## לעבן מיט אמונה

למעשה, די ביישפילן און געלעגנהייטן זענען ענדלאז; איך וואלט געוואלט רעדן צו אייך מער איבער די נושא אבער מיין צייט ענדיגט זיך. איך האב ארבעט צו טון און איך ארבעט יעצט איבערשטונדן. אבער מיר קענען נישט אויסלאזן איין וויכטיגע נקודה. אונזער גאנצער שמועס דא וועט נישט האבן קיין שום באדייט אויסער אויב מיר לייגן צו א געוויסער באשטאנדטייל צום רעצעפט; עס איז דא א געוויסער באשטאנדטייל וואס איז א יסוד אין דעם ענין, און דאס איז דער באשטאנדטייל פון אמונה.

אמונה! די גרויסע לייט האבן פארשטאנען אז קיין שום זאך פאסירט נישט פון זיך אליין. זיי האבן פארשטאנען אז יעדע זאך ווערט צוגעפירט דורך דעם באשעפער, און דערפאר, אנשטאט צו ווערן אויפגערעגט אויף וואס עס האט פאסירט צו זיי, אנשטאט זיך אפצורעדן, האבן זיי פארשטאנען אז עס איז א מתנה צו אויסניצן, און זיי האבן זיך דערהויבן דורכדעם און געמאכט די מערסטע נוצן דערפון. און דאס איז ווי אזוי זיי האבן מצליח געווען. נישט טראץ דעם אנדערן מענטש, נאר צוליב אים. זיי האבן פארשטאנען אז עס איז אלעס אויספלאנירט געווארן און אז עס איז פלאנירט געווארן לויטן מהלך פון **גַּם אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים.**

סיי ווען מיר טרעפן זיך אן מיט שווערע מענטשן און שווערע מצבים, דארפן מיר אנערקענען

אז זיי זענען געשטעלט געווארן פאר אונזער טובה. אלע פון אונז ווערן געשטעלט צו די דאזיגע נסיונות כדי מיר זאלן ווערן גוט אויסגעארבעט. מיר געפינען זיך אויף דעם ראטיססעריע בראטער און מיר ווערן געדרייט פונקטליך וואו דער באשעפער וויל מיר זאלן זיך דרייען, צו ווערן אויסגעדרייט צו פונקטליך וועמען ער וויל מיר זאלן אנטרעפן. און אויב מיר ניצן ריכטיג אונזערע לעבנס, קומען מיר צו א שלימות אין יעדן הינזיכט פון אונזער כאראקטער. מיר דערהייבן זיך איבער די מצבים דורך ניצן אונזער פרייע בחירה אינעם בעסטן מעגליכן וועג. און דאס איז פארוואס מיר געפינען זיך אויף די וועלט.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

**פארוואס דערמאנט איר קיינמאל נישט דער מקור צו אייערע געדאנקען; צי עס קומט פון הגה"צ רבי שמחה זיסל פון קעלם אדער פון הגה"צ רבי נתן צבי פינקעל פון סלאבאדקע אדער פון הגה"צ רבי יצחק שער?**

### תשובה:

דער ענטפער איז אז איך וויל נישט באלעסטיגן די דאזיגע גרויסע לייט מיט מיינע פעלערהאפטע אויסדריקן און פעלערהאפטע ערקלערונגען. צומאל קען זיין אז איך זאג נישט נאך זאכן ריכטיג איז פארוואס זאל איך זיי באשולדיגן? אבער מער ווייניגער שטאמען די געדאנקען פון די דאזיגע גרויסע לייט און פון דעם חובת הלבבות און אנדערע ספרים.

נאר ס'איז אזוי ווי די רעגן. רעגן קומט אראפ אויף די ערד און ס'ווערט פארלוירן. נאך א שטיק צייט קומט עס ערגעץ ארויס אלס א טייך און דער טייך שטאלצירט אז ער איז דער מקור פון פרישע וואסער. מען פארגעסט אז באמת איז עס רעגן, אז אייגנטליך איז אלעס געקומען פון רעגן וואס איז ערגעץ געפאלן. און אזוי, סיי וואס איר הערט אין דעם פלאץ איז געזאגט געווארן דורך געוויסע גרויסע לייט נאר איך פארגעס דעם מקור. און די נישט ריכטיגע זאכן זענען געזאגט געווארן דורך מיר.